סיפור יציאת מצרים איז דאך לכאורה, לכל הפחות פון חובת הלבבות און אנדערע, איז אלעס א סניף אין די גרויסע ענין פון הכרת הטוב. יא. ווען מיר אונז דערמאנענ אונזער ידיד וואס שטיצט די שיעור און מאכט עס אז ס'זאל געשען, און אלע אנדערע אידן וואס הערן און מאכן אז ס'זאל אנגיין. נאר בפרט די וואס לערנען מיט און די וואס שיקן אמאל קשיות און מעסעדזשעס, און דאס איז זייער וויכטיג, ס'איז נאך אזוי וויכטיג ווי געלט. יא, שאלה תשובה איז דאך א חלק פון די סיפור.

#### דער רמב"ם'ס אויפטיילונג: מצוות vs. סדר עשיית המצוות

סאו מ'דארף געדענקען, דער רמב"ם מאכט זייער א קלארע סדר אין די הלכה, איך האב דא געשריבן א משהו אין מיין רמב"ם. דאס הייסט, געוועלנליך אז מ'לערנט אזוי ווי אין שולחן ערוך, אדער סדר המשנה, הייבט זיך אן ערבי פסחים, ס'איז מכליל, מ'גייט אלע סדר, און מ'לערנט דאך כדי הסדר. יעצט טעסט מען די ערשטע כוס, יעצט די צווייטע כוס, און אזוי ווייטער.

דער רמב"ם האט אבער זייער קלאר צוטיילט די צוויי זאכן. דאס הייסט, קודם שרייבט ער אלע מצוות, יעדע מצוה מצוה פון עצמו, אזוי ווי די סדר פון תרי"ג מצוות, ער גייט, פריערדיגע פרק ו', האט ער גזאגט וועגן די מצוה פון עסן מצה, און יעצט גייט ער זאגן די אנדערע מצוות, ס'איז דא פסח, מנחה, ס'איז דא ביי יציאת מצרים, און די ד' כוסות, א מצוה מדרבנן, און ערשט אין פרק ח' גייט ער זאגן וויאזוי, וואס איז די סדר, פארדעם רופט מען עס די סדר, וואס איז די סדר וואס מ'טוט די מצוות.

סאו, ס'איז דא צוויי אנדערע זאכן, ס'איז דא חילוקים. סאו, דא זאגט ער די עיקר ההלכה, און נאכדעם גייט ער זאגן די מנהגים, געוויסע נאך פרטי דינים וואס זענען דא, אבער ס'איז נישט אזוי ווי די עיקר ההלכה, נאר די סדר עשיות מצוות בליל פסח. געוואלדיג.

יא. איך בכלל מיין אז אין הלכות חמץ ומצה איז דער רמב"ם די מערסטע מסודר לפי הסדר. ווייל קודם זארגט מען זיך מיט די חמץ וואס מ'האט אינדערהיים, דרייסיג טעג וואס מ'הייבט שוין אן, פאר דרייסיג טעג איז שוין דא א שטיקל חוב בדיקה, און די לעצטע פרק האט מען געענדיגט מיט באקן און אפילו שוין מיט נישט עסן ערב פסח.

אין אנדערע הלכות גייט ער נישט, באגלייט ער דיך נישט, נישט אזוי ווי די שולחן ערוך וואס באגלייט דיך. אבער אויך דא נישט עכט, דאס זאג איך, נאר ס'איז נאך אלץ דא א חילוק. למשל, ער זאגט מצוה פון יציאת מצרים, און נאכדעם די מצוה פון ד' כוסות ערשט אין פרק ח', זאגט ער ממש די סדר.

ס'איז אמת אז... אבער בכלליות, איך זאג די גאנצע הלכות חמץ. אמת, אמת, אז די מצוה, די ארדער פון די מצוה וואס ער האט געלייגט, איז בערך ווייניגער ווי די סדר הזמנים וואלט אנגעהויבן מיט... אפילו די ערשטע פרק איז שוין געשטאנען וועגן נישט עסן חמץ ערב פסח, נאכדעם וועגן נישט עסן חמץ אינגאנצן פסח, נאכדעם וועגן באקן מצה, אמת.

#### הלכה א': מצות עשה של תורה לספר בנסים ונפלאות

##### דער רמב"ם'ס לשון

שוין, לערנען זיך דאך א' **מצות עשה של תורה, ס'איז א מצות עשה מן התורה. לספר בנסים ונפלאות שנעשו לאבותינו במצרים בליל חמשה עשר בניסן.**

וועגן איז די מצות עשה של תורה? די מצות עשה של תורה איז אז מ'זאל פארציילן די נסים וואס איז געשען לאבותינו במצרים בליל חמשה עשר בניסן. איך מיין בעצם די נסים זענען אויך געשען בליל חמשה עשר, אבער דעמאלטס זענען נישט אזוי, ווייל נסים ונפלאות זענען געשען פון אנהייב מכת דם, אלע נסים ונפלאות. די מצוה איז אז בליל חמשה עשר זאל מען פארציילן די נסים ונפלאות.

##### דער מקור: "זכור את היום הזה"

**שנאמר, זכור את היום הזה,** ס'שטייט אין פסוק **זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים.**

און פון וואו ווייסן אונז אז זכור מיינט דערמאנענ לשבח און באופן שבח והודאה? אפשר וואלט מען געקענט מיינען אז זכור מיינט צו געדענקען, טון מצוות וואס מאכט געדענקען, אזוי ווי זכרון בין עיניך, תפילין מאכט געדענקען.

ניין, אבער אונז ווייסן שוין ביי אן אנדערע מצוה וואס שטייט אן ענליכע לשון. ביי שבת שטייט **זכור את יום השבת לקדשו**, און חז"ל האבן אונז אויסגעלערנט אז זכור מיינט **זכרהו בדברים**, מיט ווערטער, מיט די נוסח פון קידוש וואס דארט רעדט מען פון די מצוה פון שבת.

##### חידוש: "זכור" מיינט מזכיר זיין, נישט בלויז געדענקען

אין אנדערע ווערטער, דא איז אויך דא, די זכור מיינט פארציילן די נסים ונפלאות.

יא, אין אנדערע ווערטער, די זכור וואס מ'זאגט דאך שבת, ס'קען מיינען צוויי זאכן. ס'קען מיינען פשוט פשט, ממש פשוטו של מקרא, אז איינער פרעגט וואס טייטש זכור את יום השבת? זאגט עס, ס'מיינט געדענק צו היטן שבת. ס'מיינט סך הכל די מצות עשה פון די פעולה פון שביתה, פון וואטעוועגער שבת איז. דאס הייסט, ס'טייטש געדענקען. און נישט נאר ס'טייטש געדענקען על פי פשט, ס'מיינט סך הכל טון די מצוות, ס'מיינט נישט אז ס'איז דא אן עקסטערע מצוה צו געדענקען אין די קאפ שבת.

קומען די חכמים און זאגן אז "זכור" איז טייטש נישט אז ס'איז טייטש טון די מצוות, און נישט אפילו אז ס'איז טייטש געדענקען, נאר ס'איז די אנדערע טייטש. "זכור" איז טייטש דערמאנענ, אזוי ווי מזכיר זיין, אזוי ווי מ'זאגט. מזכיר איז אפשר א לשון תפילה סאמטיים, אזוי ווי מ'זאגט "להזכיר", יא, "ונזכיר שמך", איך מיין ס'איז דא אזעלכע פסוקים. דאס איז עפעס אזא נאך אן הזכרה, איך מיין זאגן, "אשר אזכיר את שמי".

**דיון: צו וועמען רעדט מען? שבח והודאה vs. הגדה לבנך**

דא איז טאקע א גוטע נקודה, ווייל אין אנדערע פלעצער איז משמע אז מ'פארציילט פאר די קינדער, ווי "והגדת לבנך". ניין, דאס איז נאך נישט דאס. אבער דא זעט אויס אז די עיקר "זכור" איז רעדן צו די אייבערשטער כאילו, זאגן דברי שבח והודאה. לאו דוקא פארציילן פאר די קינדער, אפשר פארציילן ווייל די קינד איז א סניף אין דעם, אבער אזוי ווי קידוש, צו וועמען רעדסטו ביי קידוש? דו רעדסט צו די אייבערשטער. דו רעדסט צו דיר, איך מיין, ווען דו זאגסט עס דערמאנסטו זיך.

יא, מ'דארף וויסן. דאס וואס דו זאגסט שבח והודאה, דאס איז נאך א זאך מיין איך, אבער מזכיר זיין מיין איך פלעגט מען רעדן דערוועגן. אפשר אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט ביי שבת, "להזכירו דרך קידוש", עפעס אזוי, שבח וגדולה, געדענקסט?

יא. סאו די עיקר מצוה, שפעטער גייט מען לערנען "והגדת לבנך" ווי דו זאגסט, איז לכאורה נאך א הלכה, אבער ס'הייבט זיך אן אמת'דיג פון די נושא פון, אזוי לערנט ער לפחות דער רמב"ן, פון די נושא פון זכירה, וואס טייטש דערמאנען. דערמאנען, דאס איז די...

**דער לימוד: "מנין שבליל חמשה עשר?"**

איז זאגט דער רמב"ן ווייטער, **"מנין שבליל חמשה עשר?"** פון וואו ווייסן מיר אז די מצוה פון לספר בנסים פון יציאת מצרים איז בליל חמשה עשר? דאס הייסט, ווייל אין די פסוק "זכור" שטייט עס נישט. ווייל ס'קען מיינען, ס'איז דא טאקע שיטות אז ס'איז מחויב אייביג. פון וואו ווייסן מיר די זאך, די מצוה פון סיפור, דוקא פון ליל פסח?

**תלמוד לומר,** שטייט אין פסוק, **"והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים".** דרש'ענען חז"ל, ווען זאל מען פארציילן? ווען איז די "והגדת לבנך"? ווען איז די "ביום ההוא"? זאגן די חז"ל, "בעבור זה". "ביום ההוא" מיינט דער טאג ווען ער גייט פרעגן. ניין, "ביום ההוא" איז נישט א געוויסע טאג, נאר "ביום ההוא" ווען דער טאג ווען דער קינד גייט פרעגן.

אבער שפעטער שטייט אין פסוק, "בעבור זה" - וועגן דאס. וואס טייטשט "בעבור זה"? "בעבור זה" מיינט וועגן דעם מצה ומרור. **"בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך".** ווען איז מצה ומרור מונחים לפניך? דעמאלטס איז די חיוב.

איך מיין די גאנצע הקשר פון די פסוקים איז פשט אז די קינד גייט פרעגן וואס איז די פשט פון דעם מצה ומרור, אז דו גייסט טון די מצוות פון פסח, און די קינד גייט פרעגן פארוואס טוסטו די מצוות פון פסח, און דו וועסט אים ענטפערן "בעבור זה עשה ה' לי". דאס איז די גאנצע... איך ווייס נישט אויב די ספעציפישע ווארט איז "בעבור זה", אדער מער די פסוקים ארום און ארום.

**דיון: די דרשה אין די הגדה של פסח**

יא, די לשון הגמרא איז עפעס אזוי, "בעבור זה בשעה שיש" — דאס הייסט, אין די הגדה של פסח שטייט עס, יא? בעבור זה בשעה שיש — די הגדה מאכט נאך סטעפס, אפשר ראש חודש, אפשר ביינאכט, אפשר נאך פארנאכט. "בשעה שיש מצה ומרור" לערנט ער אז ס'מוז זיין שוין ביינאכט, נישט "ביום ההוא", מ'קען מיינען אז ס'מיינט בי"ד ווען מ'שחט'ט די קרבן פסח.

**דיון: פשט אין "בעבור זה עשה ה' לי"**

וואס איז דארט פשוט פשט אן די דרשה? וואס טייטשט "בעבור זה עשה ה' לי"? ס'איז דא א פראבלעם אין די פסוק, ווייל די פסוק שטייט צוריקציוועגס. די מפרשים דינגען זיך וואס ער טייטשט.

דאס הייסט, ס'איז דא געווען מפרשים וואס האבן געזאגט אז "בעבור זה" איז טייטש — אזוי זאגט, איך געדענק אז דער אבן עזרא ברענגט די צוויי פירושים — אדער "בעבור זה" טייטשט אז וועגן דעם אז איך זאל טון די מצוות האט מיך דער אייבערשטער ארויסגענומען פון מצרים. אזוי ווי ס'שטייט אסאך מאל אז כדי דו זאלסט טון די מצוות האט דיר דער אייבערשטער ארויסגענומען פון מצרים. אבער ס'איז שווער אין די קאנטעקסט.

דער רשב"ם און אנדערע טענה'ן אז מ'דארף פשוט ליינען די פסוק צוריקציוועגס. מ'דארף זאגן, "בעבור זה" טו איך די מצוה, ווייל "עשה ה' לי". עפעס אזוי, דער פסוק האט נישט געשריבן... עפעס אזוי, "ויתהפך המקרא לדרשו". אזוי לערנט דער רשב"ם, אויב איך געדענק, מער פשוט פשט.

אבער דאס איז נישט... אגעין, מ'קען, אזוי ווי דו זאגסט, די לימוד איז פון די גאנצע הקשר פון די פסוקים, נישט דווקא פון דעם ווארט. ווייל די פסוקים זאגן דאך, שבעת ימים זאלסטו נאר עסן מצה און אזוי ווייטער. ווען ס'הייבט זיך אן, גייט די קינד פרעגן, פארוואס עסן מיר מצה? ס'שטייט נישט דא אז די קינד גייט פרעגן, דאס שטייט נאר אין די נעקסטע פרשה פון "והיה כי יביאך" און "והיה כי ישאלך" אויף בכורים.

אבער דא שטייט שוין, "והגדת לבנך", אויף וואס טו איך די מצוה פון מצה און נישט עסן חמץ? "בעבור זה". יא, אמת. דאס איז די פסוק פון די שני דברים, רייט? "והגדת לבנך". און ווען איז מצה ומרור מונחים לפניך? ביים יום טוב פסח, ווען דו האסט שוין די מצוה. אזוי ווי מיר האבן שוין געלערנט אין די פריערדיגע פרק, אז די מצוה דערפון איז, אין אנדערע צייטן עסט ער מצה נאר אויב ער וויל. די ערשטע נאכט איז די מצוה פון עסן מצה, און דעמאלטס איז די מצוה צו זאגן וואס איז. לספר בנסים ונפלאות.

**"אף על פי שאין לו בן, אפילו חכמים גדולים חייבים"**

זאגט דער רמב"ם, זאלסטו נישט מיינען אז ס'האט צוטון מיט די זון, אזוי ווי אויב איינער וועט נאר לערנען טרוקענע פסוק, וועט מיינען אז אויב האסטו א זון דארפסטו זאגן. ניין, **אף על פי שאין לו בן.**

און נישט נאר דאס, נאר אפילו איינער וואס... זאלסט נישט מיינען אפשר אז אמאל איז דער מענטש דער אייגענער קינד, אזוי ווי דער "אינער טשיילד". ניין, **אפילו חכמים גדולים,** אפילו ער איז שוין א גרויסער חכם, ער דארף שוין גארנישט פון לערנען, זיך דערמאנען, ווייל אפשר געדענקט ער נישט וואס די מצה איז, זאלסטו זיך אליין דערמאנען. ניין, אפילו חכמים גדולים, ער ווייסט אלע דרשות וועגן מצה ווייסט ער שוין. **חייבים לספר ביציאת מצרים** איז א חיוב עס צו זאגן, זאגן דאס, ספר בנסים ונפלאות. זאגן.

ס'איז זייער גוט. ס'איז זייער גוט וואס דער רמב"ם האט אנגעהויבן אין "זכור". "זכור" מיינט נישט אזוי ווי שבת, דו טוסט עס יעדע וואך, דו געדענקסט דאך שוין. דו דארפסט עס מזכיר זיין, נישט געדענקען, נאר מזכיר זיין. צוויי אנדערע מיני לשונות פון הזכרה אדער זכירה, יא? הזכרה, יא.

**"וכל המאריך בדברים שאירעו ושהיו הרי זה משובח"**

זאגט דער רמב"ם, **וכל המאריך בדברים שאירעו ושהיו,** יעדער איינער וואס איז מאריך אין די נסים שאירעו ושהיו, די נסים וואס איז געשען, **הרי זה משובח,** אזוי ווי מ'זאגט אין די הגדה, וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח.

אבער די לשון פון די רמב"ם איז אינטערעסאנט, אז מ'זאל פארציילן די נסים וואס איז געשען, נישט סתם זאגן דרשות אדער סתם זאגן פלפולים, נאר מ'זאל רעדן וועגן וואס איז געשען.

קען זיין, אבער איך מיין אז די טייטש דא פון די שטיקל איז דאס איז די שיעור. דאס הייסט, דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'דארף דערמאנען. ווי סאך דארף מען רעדן דערוועגן? דאס הייסט, מינימום איז זאגן עפעס א ווארט, יצאנו ממצרים, מ'איז שוין יוצא. אזוי ווי ס'איז דא, דער רשב"א מיינען איך האב גע'טענה'ט אז מ'זאגט ביי א קידוש זכר ליציאת מצרים, איז שוין יוצא געווען די עיקר הלכה.

אבער ס'איז דא אן ענין, דאס הייסט, ביי שבת האבן מיר עס נישט געזען, למשל כל המאריך, ס'איז דא אן ענין צו מאריך זיין ביי א זכרה פון זכר את יום השבת, האט מען נישט געזען אזא זאך. אבער ביי יציאת מצרים איז...

איז דא תנאים אין וויפיל מ'קען דורש זיין ביי מעשה בראשית. ווייל מציבת מצרים זאל מען נאר ווי מער

**הלכה א (המשך) — כל המאריך בדברים שאירעו ושהיו הרי זה משובח**

### Speaker 1:

אבער דא איז דער שיעור, ס'איז דא אזוי ווי א מינימום, דאס הייסט, נאר איז משובח מיינט אז ס'איז א גוטע זאך, אבער גם די חיוב איז אפשר, ער זאגט נישט וואס די מינימום חיוב איז. אבער מ'זעט לכאורה די סדר איז דא, ס'איז שוין א סדר, ס'שטייט אין די הגדה, אבער **די מאריך איז משובח**, סאו דאס איז די עיקר הלכות.

יא, אבער ס'זעט אויס ווי די אריכות זאל נישט זיין... למשל, מ'קען זיין אריכות און רעדן בשבחות של הקדוש ברוך הוא בכללות, למשל זאגן להודות להלל ולשבח ולפאר. אבער דא זעט אויס אז די אריכות זאל זיין אין די נסים ונפלאות שאירעו. ס'קען אריין וועגן דעם איז דא אין די סדר איז דא די מרבה זיין אז אפשר אין יעדע מכה איז געווען מערערע נסים. עס איז אן אריכות אין די שאירעו ושהיו.

יא, מ'איז נישט זיכער אויב די דיוק איז אזוי מוכרח, אבער... דאס וואס דו זאגסט איז אמת, ווייל אין די רמב"ם'ס הגדה, אויב מ'זאל לערנען, זענען מיר מסופק אז מ'זאל עס לערנען, אבער אויב מ'וועט לערנען די רמב"ם'ס סדר הגדה, אין די רמב"ם'ס הגדה שטייט נישט די לאנגע לשון פון רבי עקיבא מיט רבי... וויאזוי הייסט עס? דער ביתר הגלידי אומר, יא? די שטיקל פון... שקול מכה מכה, שו... יא. ס'שטייט נישט אין זיין הגדה, אבער ס'איז דא אויף די זייט, וויאזוי הייסט עס, דער מעשה רוקח מיין איך ברענג פון רבי אברהם בן הרמב"ם, אז זיין טאטע האט נישט געשריבן די הגדה ווייל ער האט געהאלטן אז ס'איז נישט די נוסח באופן יסודי וואס אלע אידן זאגן. ער פלעגט עס יא אזוי זאגן, און ער האט געזאגט אז אויף דעם שטייט טאקע א מרבה, **כל המרבה**, דאס מיינט מען דאס. אבער נישט אז דאס איז אויך די יין, נאר נאך שטיקלעך וואס שטייט אין די הגדה.

אבער ס'קען זיין אז א מאריך איז מער אזוויי... אויסער דער וואס שטייט. דער וואס שטייט שוין אין די הגדה איז שוין נישט קיין מאריך. מאריך מיינט אזוויי דיין אייגענע... ברענג דיין אייגענע... איך וויל זאגן, אויב דו פארשטייסט אזוי פון מיר אז דאס איז אזוויי די שיעור, אז מינימום דארף מען אפילו נישט זאגן די הגדה. קען זיין מדרבנן דארף מען זאגן די הגדה, וועגן דעם איז דא א מחלוקת פון אחרונים, צו ס'איז דא א חיוב צו זאגן די הגדה בכלל, צו מ'קען ממש זאגן נאר אזוויי די זעלבע שאלה פון נוסח התפלה בעצם, צו ס'איז דא א דין פון די נוסח, צו אפשר די אנשי כנסת הגדולה האבן מיר געמאכט אז מ'דארף מאכן די נוסח. אבער דער רמב"ם רעדט דא פון עיקר הדין דאורייתא, און ס'איז נאך שוין אנגעקומען צו די נוסח ההגדה.

ס'קען אויך זיין אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן מאריך בדברים, קענסטו זאגן מאריך להודות על הדברים. ס'קען אויך נישט זיין אז דער רמב"ם האט אפשר געוויילט עפעס אנדערש. איינמאל מ'זאגט **כל המרבה לספר**, גייט עס מאכן מענטשן זאלן אויפקומען מיט שיינע מדרשים אליין, אזוויי צולייגן זאכן וואס איז נישט עקזעקטלי געשען. זאגט דער רמב"ם, די אריכות דארף זיין אויף קראנטע זאכן. ס'טייטש, נעמען וואס ס'שטייט אין די מקורות אז ס'איז טאקע געשען, און יענץ מאריך, אז נישט אז...

### Speaker 2:

ער זאגט א גוטע הערה, איך בין נישט זיכער אז ס'איז געריעכט אין דעם רמב"ם, אז די לשון לספר, אונז טייטשן לספר — דערציילן. דאס הייסט, מ'פארציילט א מעשה פאר איינעם, דאס הייסט לשון ספור. אז איך זאג סתם זאגן, וואלט מען דיבור. דא האסט אז סאך מענטשן וואס זאגן א דיוק, אז מ'זאל נישט זאגן יציאת מצרים, מ'דארף דערציילן, וואטערוועער דער חילוק איז.

### Speaker 1:

אבער דער אמת איז אז ס'איז נישט ריכטיג, ווייל אין לשון חכמים אין די משנה, לספר מיינט רעדן, אזוויי היו מספרים אחד. יא, מספרים אחד מיינט שמועסן. אפילו רעדן אליינס קען הייסן מספר. לספר איז פשוט א לשון אויף ארמיש, זעט אויס פאר דיבור.

### Speaker 2:

סאו פארוואס רופט מען עס ספור יציאת מצרים און נישט לדבר ביציאת מצרים?

### Speaker 1:

איך ווייס נישט אויב ס'איז ממש א דיוק. קראתי, יא, מ'דארף... דא קדוש שטייט זכרה בדברים, דא שטייט זכרה בספור.

### Speaker 2:

רייט.

### Speaker 1:

סאו למעשה, אין די הלכה וואס דער רמב"ם זאגט איז די זעלבע: ס'איז נישט קיין חיוב אז מ'דארף עס מאכן בדרך ספור, אדער... שפעטער וועלן מיר זען יא אזעלכע זאכן, אבער לכאורה די עיקר הדין איז... לספר מיינט פשוט צו רעדן דערוועגן.

קען זיין אז מען נוצט דאס ווארט "סיפור" ווייל אין די תורה רעדט מען יא, די עיקר מושג פון סיפור שטייט ביים פארציילן פאר די קינדער, **"למען תספר באזני בנך"**. און דעמאלטס איז עס יא א לשון אזוויי אונז זאגן "פארציילן".

### Speaker 2:

איך ווייס נישט, אין די תורה, יא, מען דארף וויסן אויב אין די תורה איז עס מער... איז דא יא א חילוק? מען דארף וויסן. מען דארף טשעקן. די "למען תספר", "ספר נא", יא, איך ווייס נישט. דאס הייסט, על פי לשון תורה, צו ס'איז דא א חילוק פון "לספר" אדער "לדבר" אדער... קען זיין אז "לספר" איז א לשון מער באריכות.

### Speaker 1:

קען זיין אז פון "למען תספר" לערנט מען די "כל המרבה". ווייל לשון סיפור, איך מיין אויף לשון הקודש אויך, ס'איז זייער אינטערעסאנט, סיי אויף לשון הקודש און סיי אויף אידיש, איז "ציילן" און "דערציילן" האבן א שייכות. "לספר" קען מיינען צו ציילן, "לספור", יא, "ספירות", די זעלבע שורש. און "לספר", די זעלבע שורש, איך מיין די זעלבע דריי אותיות, "לספר" קען מיינען דערציילן. אויך אויף אידיש, מיר זאגן "ציילן" און "דערציילן". אויך אויף ענגליש איז "counting" און "recounting". "Recount"" מיינט צו דערציילן א מעשה.

קען זיין אז כאילו ווען מען דערציילט, זאגט מען, "און ס'איז געווען, און ס'איז געווען, און ס'איז געווען". ס'איז אזוויי א רשימה פון זאכן, אזוויי די צען מכות, אזא סארט זאך. פון דעם קען מען זען אז ס'זאל זיין מיט א סדר, אזוויי כאילו. יא, אדער מיט אן אריכות, אזוויי דאס און נאכדעם דאס. ס'איז דא אסאך פארטס. און א סיפור איז אנדערש ווי א דיבור. א דיבור קען זיין איין זאך. סיפור איז... און די ווארט "ספר" איז מסתמא אויך די זעלבע זאך. ווען דאס ווערט אראפגעשריבן ווערט עס א ספר.

### Speaker 2:

קען זיין, איך ווייס נישט. איך ווייס נישט עפעס די זעלבע... די זעלבע שורש, די זעלבע דריי אותיות, יא.

**הלכה ב — מצוה להודיע לבנים**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער. דא גייט דער רמב"ם, ער האט שוין דערמאנט די עצם מצוה וואס דאס איז, איז מזכיר זיין, כאילו רעדן צו די אייבערשטער אין אן אופן שבח והודאה. דא גייט ער רעדן פון יא, דאס וואס מיר רופן סיפור פאר די קינדער.

זאגט דער רמב"ם, **"מצוה להודיע לבנים"** — ס'איז א מצוה צו מודיע זיין פאר די קינדער די נסים, די שבחים — **"ואפילו לא שאלו"**, אפילו אויב די קינדער האבן נישט געפרעגט, **"שנאמר והגדת לבנך"**. זייער גוט. סאו די פסוק שטייט נישט "וכי ישאלך". "כי ישאלך" שטייט אין אנדערע צווייע פסוקים. דאס שטייט אויף "והגדת" אן פרעגן. ס'איז דא א מצוה פון ענטפערן ווען ער פרעגט, אבער ס'איז אויך דא א מצוה פון דערציילן אן פרעגן, יא.

#### לפי דעתו של בן

זאגט דער רמב"ם, וויאזוי ארבעט דאס? ווען מען איז מודיע פאר די קינדער, האט עס צוטון מיט די קינדער. ס'איז נישט וואטעווער דער טאטע זאגט, זאל ער זאגן לעבן די קינדער, נאר ער זאל עס זאגן טאקע צום קינד. **"לפי דעתו של בן הוא מלמדו"**, ממילא זאל ער עס צופאסן צום קינד. דאס הייסט, די חלק פון די מצוה פון סיפור יציאת מצרים וואס האט צוטון מיט די קינדער איז טאקע "about" די קינדער, ממילא זאל מען עס זאגן לפי דעתו פון די קינד. ס'איז נישט גענוג אז ער זאגט די זעלבע נוסח הקידוש, ער זאגט עס לעבן זיין קינד אדער וואס, דאס העלפט נישט. ס'האט צוטון מיט די קינדער.

מען דארף וויסן אויב דאס איז דאורייתא, אויב דאס איז מעכב. דאס איז אלעס די זאכן וואס שטייט שוין אין די משנה, לפי דעתו של בן אביו ובן אביו. דער רמב"ם האט נישט אויסגערעכנט די עקסטערע מצוות, די זעלבע מצוה, אז ס'איז א מצוה להודיע מיינט אז דאס איז די אופן המצוה.

### Speaker 2:

אה, דאס איז די לשון מצוה להודיע לבניו.

### Speaker 1:

זייער גוט, יא. ס'איז א מצוה, ס'איז די דרך פון קיום פון די מצוה, קען זיין. ס'איז א הידור אין די מצוה, יא.

#### כיצד? — דער רמב"ם'ס ביישפיל

**כיצד?** דער רמב"ם גיבט אן עקזעמפל. **או טיפש**, אויב די קינד איז קליין און ער איז א טיפש וועגן ער איז קליין, אדער איז ער א טיפש נישט וועגן זיין עידזש, נאר סתם אזוי אז ער איז א טיפש. נאכדעם וואס איך זאג, יעדער קטן איז א טיפש, אבער ווען אונז עקספעקטן נישט פון אים צו זיין קליגער, רופט מען אונז אים נעמען טיפש. יא, ס'איז א מין עובדה.

### Speaker 2:

זייער גוט.

### Speaker 1:

או טיפש, ער איז געבליבן א טיפש. **אמר לו**, זאגט אים דער טאטע, **בני, כלנו היינו עבדים. כמו שפחה זו או כמו עבד זה.** דא זאגט ער אזוי ווי אז מ'זאל רעדן צו דעם קינד, דער קינד פארשטייט ווען דו זאגסט אים אזוי ווי יענער און יענער, וועט ער פארשטיין. אונז זענען געווען במצרים, זענען געווען אלע עבדים. **ובליל הזה פדה אותנו הקדוש ברוך הוא**, האט אונז דער אייבערשטער אויסגעלייזט, **ויצאנו לחירות.**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אפאר מאל שטייט אין די תורה, טאקע די פאריגע פרשה וואס מ'האט געלערנט, ווען די תורה זאגט אונז צו זיין נייס צו אונזערע עבדים, און זיי משחרר זיין, זאגט ער, ווייל געדענקט אז דו ביסט געווען אליין אן עבד אין מצרים. דא געסטו אויך אסאך אריבער די רחמנות פאר די קינד. דו זאגסט די קינד, זעסט? אונז זענען מיר אלע געווען אזעלכע נבעכעס ווי אים. סאו ס'ליגט דא עפעס א געוויסע לעבן.

### Speaker 2:

ס'פעלט אבער אויס, אויב ס'איז נישטא מער קיין עבד, דעמאלטס איז עס א פראבלעם.

### Speaker 1:

ניין, אפשר דעמאלטס איז עס בעסער, ווייל דעמאלטס אונז טראכטן בכלל נישט אז ס'איז א נארמאלע זאך אז איינער זאל האבן אן עבד. דעמאלטס איז עס סעד, ווייל פארוואס יענער מעג יא זיין? און דא קומט טאקע אריין די תורה און זאגט, געדענק אז דו ביסט אויך געווען...

### Speaker 2:

יא, היינט איז עס נאך שרעקעדיגער פאר א מענטש. דו ביסט געווען געקידנעפט.

### Speaker 1:

אקעי, ווייטער. אבער וואס דער רמב"ם זאגט דא איז אז מ'זאל מסביר זיין פאר די קינדער, די לעוועל פון די קינדער.

**ומואל. אויב איז דא א בן גדול וחכם**, זאל ער נישט פארדיגן דעם וועג. די אפאזיט פון קטן איז טיפש. ער זאגט נישט, אבער דא דארף זייןביידע. שטייט נישט אויב, ווייל ס'איז נישטא אזא זאך ווי א קטן חכם, כאפסט? שטייט גדול וחכם. אויב ער איז זייער גרויס, און ער האט נאך זוכה געווען צו זיין גדול, דער... ער האט נישט געזאגט, נאר וואס איז געווען אין מצרים, ונשאר שנת עולמים. **על ידי משה רבינו**, און ער זאגט אים **די נסים שנעשו לנו על ידי משה רבינו לפי דעתו של בן.**

#### דער חידוש פון "על ידי משה רבינו"

ס'איז אינטערעסאנט אז ער לייגט אריין די ווארט "על ידי משה רבינו". זאגט ער אז ס'איז דא א תנאי אין דעם אז מ'זאל רעדן וועגן משה רבינו בליל הסדר נאר פאר די גרויסע חכמים. פאר די קליינע קינדער דארף מען זאגן "הקדוש ברוך הוא". פאר די גרויסע קינדער איז מען מסביר אז הקדוש ברוך הוא, ס'איז נאר א משל, אז מ'זאגט הקדוש ברוך הוא מיינט מען משה רבינו, מיינט מען על ידי שליחו. ס'איז דא א גרויסע סוד אין דעם, מ'קען מאריך זיין אבער נישט יעצט.

אבער אויך לפי דעתו של בן לייגט ער צו אז אין דעם אליינס איז לכאורה דא לעוועלס, מ'קען לייגן מער און פארשטיין די נסים, און וויניגער. אבער די ווארט איז אז דער גדול וחכם באקומט נישט קיין מעשיות, ער באקומט מער אזויווי א הבנה, א ידיעה וואס איז עקטשועלי געשען.

### Speaker 2:

זייער גוט.

### Speaker 1:

ביי די קטן האט ער געזאגט "פדה אותנו הקדוש ברוך הוא". דאס איז נישט אפשר ווען מ'זאגט "מה שאירע לנו", דאס איז א הפשטה, דאס איז א וועג פון זאגן אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, דער אייבערשטער האט אויך יענץ געמאכט על ידי שליחו משה מיט זיינע נסים, יא.

#### דער רמב"ם'ס אייגענע נוסח

ס'איז זייער אינטערעסאנט. די גאנצע נוסח האט דער רמב"ם אליינס געמאכט. ס'שטייט אין די משנה "לפי דעתו של בן", די גמרא שטייט עפעס מעשיות פון רב נחמן וואס האט געזאגט "לדוריה עבדו" וועגן אן עבד. דער רמב"ם האט ארויסגעשטעלט אליינס די ציור וואס וואלט געווען לפי דעתו של בן.

ווייל הגם אין אונזער הגדה שטייט שוין א גאנצע נוסח, יא? מ'זאגט די "כנגד ארבעה בנים", מ'איז נישט באמת'דיג מקיים אין אונזער הגדה די לפי דעתו של בן, ווייל ס'איז שוין דא א נוסח פאר יעדער. ס'איז א קשיא צו מ'איז מחויב עקסטער פון די הגדה צו מסביר זיין פאר יעדן. ס'שטייט נישט אין רמב"ם פראקטיש מער ווי מ'זאגט די הגדה. דא זאגט ער די הלכה, טעארעטיש איז ער מסביר דאס, קען זיין מ'דארף עס טון חוץ פון די הגדה.

איך טראכט אז די לפי דעתו של בן קען זיין טאקע דאס וואס דו מיינסט. אויב די קינדער זענען שוין גענוג גרויס צו פארשטיין, אז ווען איך זאג "נסים שנעשו לנו על ידי משה רבינו"...

#### הלכה ג׳ — שינויים בליל הסדר כדי שהבנים ישאלו

אבער אויב דער קינד איז נישט די דעתא, אונז ווילן אז דער קינד זאל האבן הכרת הטוב צו דעם אייבערשטן, נישט צו עפעס א משה רבינו וואס לעבט

שוין נישט. סאו אויב פארשטייסטו אז "נסים שנעשו על ידי משה רבינו" איז "פדה אותנו הקדוש ברוך הוא", זאג עס די וועג "לפי דעתו של בן". יא? יא, יא. זייער גוט. דאס בין איך מסכים. די "לפי דעתו של בן" איז מער... יא, זייער גוט.

ווייטער זאגט דער רמב"ם א דריטע הלכה, אז די סיפור זאל מען טון באופן שאלה ותשובה. זאגט דער רמב"ם, **"וצריך לעשות שינוי בלילה הזה..."** איך מיין אז ער וואלט געזאגט אזוי: ער האט פריער געזאגט אז אפילו דער בן פרעגט נישט, דארף ער רעדן מיט דיר. אבער ס'איז דא אן ענין וואס זאל אים טרייען צו מאכן פרעגן. אה, ס'זאל יא פרעגן. אה, ווייל ווען דו ענטפערסט אויף א שאלה, הערט ער אסאך בעסער.

**דער פסיכאלאגישער יסוד: תשובות אויף אומגעפרעגטע שאלות ווערט נישט געהערט**

איך מיין אז דאס איז דער פשוט'ער הסבר. תשובות אויף אומגעפרעגטע שאלות ווערט נישט געהערט. ס'איז זייער א סיקרעט, בעיסיק סיקרעט ווער ס'זאגט א שיעור אזוי ווי מיר. אויב מ'קען מאכן דארט, אפילו א סטופיד שאלה, מ'פרעגט אלעמאל פסח, האסט דאך געמאכט אליינס די טריק?

איך זאג דיר אזא, איך מאך א שיעור, איך פרעג עפעס א נארישע קלאץ קשיא, און איך מאך די עולם, אפילו מ'פלענט, וואס איז וועלכע פרשה איז די וואך? מ'זאגט ס'איז א שלש סעודות תורה. אויב דו פרעגסט איינער, דו ווייסט וואס דאס איז געווען רבי'ס וואס האבן אזוי געפירט? פאר די שלש סעודות תורה, פרעגט איינער פון די בעלי בתים וואס זיצט דארט וועלכע פרשה גייט די וואך. ער וועט דיר ענטפערן, ווייל ער איז דאך א גרויסע חכמה און ווייסט די פרשה, וועסטו זען אז ער וועט בעסער אויסהערן די תורה.

איך האב געהאט א משגיח וואס איז געווען ממש א מומחה אין דעם, און דער בחור איז געקומען פרעגן עני נארישע שאלה, האט ער דא געזאגט זיין שיעור. אנשטאט זאגן זיין שיעור ביים שיעור, האט ער עס געזאגט אלס אן ענטפער צו די קשיא וואס האט נישט געהאט קיין שייכות צו די שיעור. ווייל אזוי האט דער בחור געפילט, וואו, איך האב געהאט אזא גוטע קשיא, אז ער האט געענטפערט אויף דעם א דרייפערטל שעה ענטפער. ס'איז א קלוגע זאך.

**וכיצד משנה? וואסערע שינויים זאל מען טון?**

**"וצריך לעשות שינוי בלילה הזה"**, די נאכט זאל מען ציען זאכן אנדערש. ס'איז שוין בעצם אנדערש, אבער איך מיין ס'איז אינטערעסאנט, ווייל די מצה און מרור אליין איז דאך שוין גענוג א גרויסע שינוי. ס'זעט אויס אז מ'זאל מאכן א גרעסערע שינוי ווי דעם. מ'האט נאך נישט געגעסן די מצה און מרור, מ'וויל דאך פאר די מצה.

אמת, אמת. אבער ס'איז א גוטע שאלה וואס דו פרעגסט, דו האסט א קשיא אויף די קשיא. פארוואס דארף מען מאכן אן עקסטרע שינוי? די תורה שטייט דאך אז די קינד גייט פרעגן וועגן די מצה און מרור, לאמיר זאגן. ס'איז דאך דא מצה.

דער תירוץ איז, אפשר אזוי ווי יעדער איז, אסאך מאל קען מען עסן מצה, ס'איז נישט גענוג, אמאל איז נישט גענוג ניכר. ס'איז זייער עיקר פסח, ס'איז זייער שווער צו א איד זאל מאכן א טעות אז ס'איז פסח. אבער אפשר אמאל שווער. ס'איז בכלל, די קינד האט שוין געלערנט אין חדר, און היינט איז עס שוין מער א ריטשועל, ס'איז וויניגער עכט. ס'איז אלעמאל געווען. ס'איז אייביג געווען ווייל מ'טוט עס יעדע יאר, אמת.

**די לשון פון דער רמב"ם: כדי שיראו הבנים וישאלו**

שוין, **וצריך לעשות שינוי בלילה הזה כדי שיראו הבנים וישאלו. ויאמרו**, די קינד זאל פרעגן, **מה נשתנה הלילה זה מכל הלילות?** און דעמאלטס האט ער א גוטע געלעגנהייט, **עד שישב להם יאמר להם**, זאגן, ווייסט פארוואס ס'האט היינט אנדערש? ווייל **כך וכך עיראה וכך וכך היה.**

**דער חילוק צווישן "אירע" און "היה"**

ס'איז אינטערעסאנט נאכאמאל די לשון, כך וכך עיראה וכך וכך היה. זאגן אזוי איז געשען, זאל זיי ענטפערן די ריעליטי וואס איז געשען. מ'דארף וויסן וואס איז די חילוק פון עיראה.

דער רמב"ם וויל אפיקי פון די מענטשן וואס זאגן היוכע תורות, ווייל היינט איז בינה, און נעכטן איז געווען תפארת. ניין, זיי זאגן וואס איז געשען. פארקערט, עירא איז א לשון אזוי מעורר, ס'געשעט דא עולם הזה היה, ס'איז א לשון פון שם הוי"ה, מ'דארף אים ווייזן די יד השם היה.

לספר מיינט אז מ'זאל באלייכטן די יציאת מצרים, ס'איז אלעס אמת. עפעס וויל דער רמב"ם דא אז ס'זאל זיין זייער קאנעקטעד צו די ריעליטי. און מ'דארף סוירטשען אין דער רמב"ם וואס איז די לשונות עירא און היו, ווייל ס'איז א דאפלטע לשון, אפשר מיינט ער מיט.

**די פרטים פון שינויים: קליות ואגוזין**

זאגט דער רמב"ם, **וכיצד משנה?** וואסערע שינויים זאל מען טון? וואסערע שינויים האבן שוין געגעבן שינויים? איינער קען אויפקומען מיט ניין, אפשר קען מען, אבער... זאגט ער, וואס חז"ל האבן געזאגט, **מחלק להם כליות והגוזן.** מ'געבט פאר די קינדער כליות, וואס מיר האבן שוין פריער געלערנט, כליות איז געבראטענע ווייצלעך. וואס מ'טוט מיט אן אפגעהיטענע וועג איז עס כשר וישר. והגוזן איז ניסלעך. און דאס איז איין זאך וואס מ'טוט.

וואס זיי גייען פרעגן? פארוואס געסטו מיר די גוטע זאכן? יא, קינדער באקומען נישט קיין ניסלעך א גאנץ יאר, נישט פאר די סעודה, וואטעווער די סדר איז.

**כדי שלא ישנו וישאלו — די גמרא'ס טעם**

איך מיין אז איין אן אנדערע פלאץ שטייט אז מ'געבט עס כדי זיי זאלן נישט איינשלאפן, כדי שלא ישנו וישאלו. קען זיין, קען זיין אז די ניסלעך חלק איז אז זיי האלטן אויף אז זיי זאלן זען די שינוי. ווען זיי זענען זייער מיד, קענסטו רוקן טישן און זיי גייען גארנישט באמערקן, זיי גייען דרימלען. אבער דו האלטסט אים אויף מיט די גוריס, מיט די נאש, און נאכדעם טוט מען די שינוי.

איך מיין אז די שינוי איז די עוקרין השלחן מלפניהם. דער רמב"ם זאגט עס נאר די וועג. אז דו זאלסט זען אז די קינד זאל זיין אויף אוועיק, ער זאל זיין אין א גוטע מוד. אבער אין די גמרא זאגט עס כדי שלא ישנו וישאלו.

איך שטיי, איך זאג נישט. אקעי. אה, ער זאגט יא? ווי זאגסטו? ניין, נאכט. אין די גמרא שטייט די לשון. מ'געבט קליות ואגוזים כדי שלא ישנו, זאלן נישט שלאפן, וישאלו.

**עוקרין השלחן מלפניהם וחוטפין מצה**

סאו ס'איז דא קיין אז די שינוי איז די עוקרין השלחן מלפניהם קודם שיאכלו. אדער די חוטפין מצה. אפשר דער רמב"ם האט עס אזוי געלערנט. אז די אלע זאכן זענען שינויים. איך ווייס נישט. ווייל געוועהנליך קליות ואגוזים קומט נישט פאר די סעודה. אויב עפעס מיינען איך איז עס מער א סוף סעודה זאך, אזא סנעק פאר די סוף סעודה. אדער מען געבט מער. וואס איז א חילוק? אקעי, מען טוט עס מיט א שינוי.

**ועוקרין השלחן מלפניהם קודם שיאכלו.** מען רוקט אוועק די טיש פאר מען עסט, יא, ווייל פאר מען גייט עסן גייט מען דאך אנהייבן די הגדה. דעמאלטס האט מען נישט די גאנצע אנגעגרייטע טיש. אזוי ווי די אמאליגע סדר אז די טיש איז א זאך אויף וואס מען עסט. דאס איז געווען דער סדר אמאל, אז מ'ברענגט א טיש, מ'נעמט עס אוועק. היינט אויף אים סתומה די טעלער, און מ'קען ברענגען שטענדערס אנשטאט... בקיצור, די ראשונים האבן שוין געזאגט אז אונז פירן זיך נישט דער סדר אכילה, סאו ס'איז נישט עכט נוגע עקירת השלחן, און דענטס יוצא דאך צודעקן די מצה, ס'איז עפעס אזעלכע סימבאלישע זאכן וואס קיינער כאפט נישט.

ווייטער גוט. **וכו' מצה זה מיד זה,** אויך איז עפעס א מנהג וואס אונז טוען נישט, עפעס טוט מען א געכאפ. ס'איז דא וואס זאגן אז אונז זענען מיר עס

מקיים מיט דעם כאפן אפיקומן. **וכיוצא בדברים האלו**, אזעלכע סארט זאכן וואס זענען שינויים, און דאס מאכט די קינד פרעגן, און אזוי ענטפערט ער.

**הלכה ג' (המשך) — אין לו בן, אשתו שואלתו**

ס'איז דא **אין לו בן**, אויב האט נישט א מענטש... סאו דאס איז ביז יעצט האבן מיר געלערנט וויאזוי מ'זאל מאכן די קינד זאל אים פרעגן, ווייל אזוי איז לכתחילה אז א קינד פרעגט, און דעמאלטס איז מען נשתנה, און דער טאטע ענטפערט. אבער יעצט גייען מיר לערנען א נייע זאך: אפילו אויב ס'איז נישט דא קיינער וואס זאל עכט פרעגן, איז נאך אלץ דא זאגט מען די סדר מען נשתנה.

**מה נשתנה אלס סדר אמירה**

**אין לו בן**, ס'טייטש אזוי, לויט די רמב"ם'ס נוסח למשל, האט נישט די מה נשתנה א געוויסע פלאץ אין די הגדה. דעמאלטס ווען דער קינד פרעגט, דעמאלטס ענטפערט מען די עבדים היינו, דעמאלטס הייבט זיך אן די הגדה. אבער ביי אונז, יא, אקעי, דער רמב"ם האט יא א נוסח וואס הייבט זיך אן עבדים היינו, וואטעווער, נישט עבדים היינו, מה נשתנה, הא לחמא עניא.

אבער איך זאג דא, **אין לו בן, אשתו שואלתו**, איז שוין מער דעמאלטס ווען ס'איז דער נוסח צו פרעגן. **אין לו אשה, שואלין זה את זה**, פרעגט מען איינער דעם צווייטן **מה נשתנה הלילה הזה. אפילו כולן חכמים**, אפילו זיי זענען חכמים און ס'איז נישט דא באמת איינער וואס שואל ווייל ער ווייסט נישט, **היה לבדו, שואל לעצמו**, פרעגט ער אליין פאר זיך **מה נשתנה הלילה הזה.** ס'ווערט שוין מער אזוי ווי א סדר אמירה דא.

**דיגרעסיע: אין לו אשה — די וויכטיגקייט פון חברות**

איך האב נעכטן געהאט א מסיבה פאר מיין חבורה וואס הייסט אחים הדרך, ס'איז א סופארט גרופ פאר יונגעלייט וואס האבן זיך גע'גט. האב איך געזאגט אז אויב מ'האט נישט א ווייב, דארף מען מער משקיע זיין אין אהבת חברים נישט צו זיין אליין. איך מיין, דא זעט מען עס, אין לו אשה, דארף מען פרעגן. שואל לעצמו איז עפעס א פעיק. איך מיין, צוויי חברים איז אויך אינטערעסאנט ווי א שפיל, זיי ווייסן דאך. ס'איז זייער אינטערעסאנט. אבער ס'איז נישט...

**דער עיקר המצוה: שאלה ותשובה**

קען זיין אז ס'איז כדאי צו געדענקען אז דאס איז דער עיקר המצוה, און ווען ס'איז שייך זאל עס זיין ביי אן אופן שאלה תשובה. ס'איז דאך נישט עכט א שאלה תשובה. ווען א מענטש ווייסט די ענטפער, הייסט עס פאלס שאלה.

איך מיין אז לויט וואס איך האב פריער גערעדט אין פסיכאלאגיע, ס'קען זיין אז א מענטש לערנט אליינס, ער האט אויך א תועלת אז ער זאל פרעגן שאלות, אפילו ווען ער ווייסט שוין די תשובה, אבער ס'איז נאך אלץ עפעס. ס'איז נישט אז ס'איז יא געפרעגט. איך האב צוגענומען א סדר, ס'איז א סדר.

ווען א מענטש לערנט אליין גמרא, זאגט ער אויך, תיובתא, און ער זאגט די תיובתא, און ער לאזט נישט אויס די ווערטער. אפילו ער האט שוין געלערנט די גמרא. דער רמב"ם וואלט אפשר יא געהאלטן, דער רמב"ם האט דאך געמאכט די גמרא אן די שאלות. שטימט נישט אזוי גוט מיט די שיטת רמב"ם.

**הלכה ד' — מתחיל בגנות ומסיים בשבח**

אקעי, נאך א דין אין די סיפור יציאת מצרים, **וצריך להתחיל בגנות ולסיים בשבח.** די סיפור יציאת מצרים האט דאך די חלק הצער, די צרה וואו די אידן זענען געווען, און די גוטע, די ישועה, שהיה אבי שהיה. און דער רמב"ם איז מסביר, אפשר דאס איז די ערין היה, ערין איז עפעס א לשון רע, און היה האט אין זיך די שם הוי', איך ווייס נישט וואס. ניין, אפשר איז די צוויי סארט גנות און שבח וואס מ'גייט יעצט רעדן, איז דער רמב"ם פסק'נט ביידע שיטות.

**כיצד מתחיל ומספר? — די ערשטע גנות: עבודה זרה**

**כיצד מתחיל ומספר? ער הייבט אן מיט די סיפור, אשר בתחילה היו אבותינו**, ווען? **במעי תרח ובמלפניו**, פאר אסאך יארן און אסאך דורות זענען אונזערע זיידעס געווען **כופרים, ותועים אחר ההבל, ורודפים אחר עבודה זרה.**

**דריי לשונות פון עבודה זרה**

דאס הייסט, זיי זענען געווען כופרים, זיי האבן נישט געגלייבט אין אייבערשטן. זיי האבן זיך טועה געווען אחר ההבל, ורודפים אחר עבודה זרה. זייער אינטערעסאנט, וואס איז די דריי לשונות? ס'איז אלע לשונות וואס שטייט אין די פסוקים אויף עבודה זרה.

אבער איך קען פארשטיין, תועים אחר ההבל און רודפים אחר עבודה זרה שטימט מיט די רמב"ם'ס אין הלכות עבודה זרה וויאזוי ער איז מסביר וויאזוי די עבודה זרה איז צושטאנד געקומען. ס'האט זיך אנגעהויבן מיט א טעות, און מ'האט געמיינט אז די גורמי השמים האבן א כח.

**פארוואס הייבט דער רמב"ם אן מיט "כופרים"?**

אבער ס'איז אינטערעסאנט אז ער הייבט אן מיט כופרים. דו ווייסט פארוואס? ווייל דער רמב"ם האט דאך געלערנט אין הלכות עבודה זרה אז די עיקר פראבלעם פון עבודה זרה איז אז מ'ווייסט בכלל נישט פון גאט. ווייל די עבודה זרה האלט דאך אז די זון איז א גאט, קומט דאך אויס אז דער עכטער גאט וואס איז פאר די הימל... אז די עיקר פראבלעם פון עבודה זרה איז די כפירה דערפון.

הגם אז לכאורה פרעגט זיך א קשיא, וואס האט כפירה מיט עבודה זרה? דער תירוץ איז, יעדע עבודה זרה לויט'ן רמב"ם איז כפירה, ווייל אויב דו האלטסט אז די זון איז א גאט, דאס טשעפעט דעם אייבערשטן. דער אייבערשטער שטייט "אלהים אחרים אשר לא ידעום", די נישט עכטע.

**די דריי שטאפלען פון עבודה זרה לויט דעם רמב"ם**

און תועים אחר ההבל איז... סא כופרים איז דאס אז ער ווייסט נישט די אין סוף, ער ווייסט נישט די גאט. תועים אחר ההבל, ממילא האט ער א טעות, אזוויו דו זאגסט זייער גוט, די טעות גדולה שהטעו בה דור אנוש, וואס זיי גייען נאך הבל, אזוויו ס'שטייט די לשון אין די פסוק אין שמואל, יא, עפעס אזוי, אל תלכו, שמואל הנביא זאגט פאר די אידן, "הבל והתוהו אשר לא יועילו ולא יצילו", עפעס אזא לשון. דאס איז די... די... די... אזוויו דו זאגסט, די כישוף און די אלע זאכן.

ורודפים אחר עבודה זרה, דאס איז שוין שפעטער, דאס איז שוין ווען מ'האט אנגעהויבן בויען היכלות. עבודה זרה איז א תולדה פון דעם, דאס הייסט עבודה זרה. אזוויו דו זאגסט, דארטן שטייט אויך, זיי האבן... רודפים אחר עבודה זרה מיינט אלע מיני ידיעות פון בויען היכלות און מאכן מיני...

**הלכה ז' (המשך) — ומסיים בדת האמת**

### Speaker 1:

יא, עפעס אזוי, אל תאחרו שמואל, נאר ווי ער זאגט פאר די אידן, "הבל והבל לא יועילו ולא יצילו", עפעס אזא לשון. דאס איז די... דו זאגסט די כוכבים און די אלע זאכן.

אבער חוץ פון עבודה זרה, דאס איז שפעטער, די וואס זיי האבן אנגעהויבן בויען היכלות. עבודה זרה איז א טייטש אויף דעם, דאס הייסט עבודה זרה. איך זאג, דארטן שטייט אויך, עבודה זרה מיינט אלע מיני איידיעס פון בויען היכלות, פון מנהגים.

### Speaker 2:

אקעי.

### Speaker 1:

דארטן שטייט אויך "ממתרח ומלפניו", אז מתחילה עובדי עבודה זרה מיינט פאר אסאך דורות.

### Speaker 2:

יא, דאס הייסט די לא כהכוזרי, וואס דער כוזרי האט געזאגט אז אדם הראשון האט דאך געדינט דעם אייבערשטן, און נח האט דאך ווייטער געדינט דעם אייבערשטן, סאו דער כוזרי איז געווארן אביסל סטאק, וואו איז

געווארן די טעות אין עבודה זרה? מוז ער זאגן אז זמן משתרך איז געווען יוצא מן הכלל.

אבער דער רמב"ם זאגט בימי אנוש.

### Speaker 1:

דער כוזרי ווייסט נישט פון די... ניין, דער כוזרי האלט נישט...

### Speaker 2:

אקעי, איך וויל נישט אויסזאגן.

#### דיסקוסיע: ווען האט זיך אנגעהויבן עבודה זרה — רמב"ם קעגן כוזרי

### Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט בימי אנוש, אבער איך האב מורא אז דער רמב"ם מיינט בימי אדם, ווייל ס'שטייט נישט אז ס'איז געווארן עד סאם פוינט די טעות. ס'שטייט נישט אין רמב"ם קיינמאל געהעריג. בקיצור, מ'דארף מדייק זיין זייער גוט. ס'קען זיין אז דער רמב"ם האלט אז בימי אנוש, אמת'דיג, אפילו בימי אדם הראשון איז געווען עובדי עבודה זרה.

איך האב א ראיה ווייל אדם הראשון האט געמאכט קרבנות, און דער רמב"ם האט דאך געזאגט אז קרבנות האבן דאך אנגעהויבן די עבודה זרה. דאס איז דער רמב"ן'ס גרויסע קשיא אויף דעם רמב"ם, וויאזוי קען דער רמב"ם זאגן אז קרבנות איז נאר קעגן עבודה זרה? אדם הראשון האט דאך געמאכט קרבנות, קין והבל שטייט על פירוש אין די תורה האט ער געמאכט קרבנות.

קען מען פארענטפערן אז דער רמב"ם האט אמת'דיג געהאלטן אז ס'האט זיך אנגעהויבן פון עבודה זרה.

### Speaker 2:

ניין, ס'איז פארקערט, ווייל ס'איז זייער שווער צו דיסקאווערן דעם אייבערשטן.

### Speaker 1:

אקעי, בקיצור, לאמיר נישט אריינקריכן אין דעם. ווער ס'וויל קען לערנען מיין ספר אויף די הגדה פון דעם רמב"ם, וועט זען. זייער גוט.

#### "ומסיים בדת האמת" — קירוב צו ייחוד השם

### Speaker 1:

**"ומסיים בדת האמת"**. דאס הייסט, דאס איז די משל וגנות. "ומסיים" איז בדת האמת, ווען די אידן האבן באקומען די דת האמת. **"שקרבנו הקדוש ברוך הוא לו"**, דער אייבערשטער האט אונז מקרב געווען "לו", דאס טייטשט לידיעתו, צו וויסן אז ס'איז נאר דא איין באשעפער. **"להפיק כופרים"**, **"והבדילנו מן הטועים"**, נישט נאכצולויפן הבל און נישט בלאנדזשענען. **"וקרבנו ליחודו"**, צו יחוד השם, אז ס'איז נאר דא איין באשעפער, ס'איז נאר דא איין באשעפער.

ווייל דער רמב"ם האט געלערנט נאך אין עבודה זרה אז חוץ פון דעם וואס ס'איז געווען די טעותים, איינע פון די חידושים פון אברהם אבינו און נאכדעם משה רבינו איז געווען אז מ'דינט, מ'איז מייחד בעבודה. דאס הייסט, אז מ'מאכט יא א ספעציעלע עבודה, הגם ס'איז דא אויף דעם א קשיא אפשר וויאזוי קען מען דינען דעם אייבערשטן? דער אייבערשטער איז דאך למעלה פון גוף און אזוי ווייטער, אבער די כוונה ליחידו איז פשט אז מ'מאכט יא עבודת השם במיוחד פאר דעם אייבערשטן, און דורך דעם זאל מען געדענקען טאקע דער איין גאט וואס איז געווען פאר אלע זון און אלע זאכן.

#### פארוואס מתחיל בגנות — "לית נהורא אלא דנפיק מגו חשוכא"

### Speaker 1:

